## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: וואס זאגט איהר פאניע, שבת הגדול, צו גרייזערס צונג?
שבת הגדול: נו, ווען היטלער איז דארט, וואלט ער נישט געוויזען די צונג.
קורצער פרייטאג: וואס דען?
שבת הגדול: די פויסט.

### אין שניאווע.

ערשטע שכנטע: זייען זי אזוי גוט, כ'פעט איהן און בארגען זי מיר ס'וואַרגעלהאָלץ.
צווייטע שכנטע: וואס? זי נייען היינט סאכען משהל?
ערשטע: ניין. מיין מאן קומט היינט צו פאהרען.

קאפריזנער.

### טעאטער און „רעבען"

ווענען א בעקאנטען רעזשיסער דערצעהלט מען: אויף א פראבע האט אנ'אקטיאר על פי טעות געשאסען מיט ריכטיגע קוילען און איז געפאלען א טויטער.

בעת די אקטיארען זענען געלאפען נאך דאקטוירים, ס'בלוט האט גערינען ווי פון א געקוילעטען אקס און פלוצים אויפגעשפרינגען דער רעזשיסער און מיט כעס א געשריי געטון:

— צום טייוועל! נאך אמאל מאכען די סצענע. א דערהרגעטער פאלט נישט אויף אזא אופן...

## אין 10 יאהר ארום

### א האנדעל, נישט אויפן שאכער-מארק.

— וויפיל?
— 10 זלאטעס.
— איך קען געבען 1 זלאט.
— כ'קאן נישט! עהרען ווארט ווי איך קאן נישט! דערלייגט עפעס.
— מעהר ווי 1.50 גיב איך נישט.
— מיין ליבער הער, האט רחמנות גיט מיר א 5-ערל.
— א זלאטי מיט 75 גראשען — דאס איז ס'לעצטע. מעהר א גראשען נישט.
— כ'קאן אסור נישט, גלייבט מיר, ס'קאסט מיך אליין טייערער. נו שוין, זאל שוין זיין א דרייערל.
— ניין, כ'וועל נישט געבען.
— מילא, פערפאלען.

ס'איז נישט געווארען פון עסק. דער קליענט גייט אוועק.

— פעטער! ר' קרוב, זייט מוחל, לויפט נישט אזוי. 2.50 זל. וועט גוט זיין?

אזא האנדעל וועט געפיהרט ווערען אין לאדז אין יאהר 1946 אין א קאבינעט פון פריוואטען דאקטאר.

# פארוואס איך וויל א גט!

די ערשטע זאך,
ווייל זי האט נישט געקלערט
קיין סך
זי איז געווארען באלד
אדער הייס, אדער קאלט,
אהן א מאס,
און אהן א פארוואס.
צווייטענס: ווייל זי האט
נישט געוואוסט דעם בערייט
פון דער צייט.
„איין סעקונדע"
האט ביי איהר געדויערט
א שטונדע.
אפגעמאכט זיך טרעפען
ארום אכט,
איז זי געקומען
נאך האלבע נאכט.
דריטענס, אויב איהר פרעגט,
ווייל זי האט געלייגט
צופיל געוויכט
אויף איהר געזיכט,
נאך א שמיר
איהר בעקעל,
נאך א דרעה איהר יעקעל,
נאך א פודער
דעם נוידער,
נאך א רוק,
דעם הוט,
נאך א גלעט,
נאך א קוק
אויף איהר פארטרעט...
ארייגעשטעקט איהר נאז
אין יעדען שפיגעל-גלאז,
און הונדערט מאל הונדערט
איהר שענקייט בעוואונדערט.
פערטענס: איהר רויכערען
אהן שכל און מוח,
זי האט שוין אינגאנצען
געשמעקט פון רויך,
און נישט נאר זי,
נאר אויך די בעטען,
האבען געשמעקט
פון סיגארעטען
די זופ, די פלוימען,
דער רעטעך, דער סאלאט —
אלץ האט געשמעקט
פון רויך און משאד
פינפטענס: איהר פרעגען,
איהר ריידען, איהר זאגען
דאס איז שוין גאר נישט
געווען צו פערטראגען
געפארשט און געפרעגט
און געוואלט אלצדינג וויסען
וואס ס'טוט זיך ביי מיר
אויפ'ן הארצען און געוויסען
איך וויים, דאס אלץ
איז היינט נישט קיין זינד,
מיר זענען דאך עפעס
מאדערנע איצינד:
איך קען נישט פערלאנגען
פון היינטיגע דאמען
צו לעבען אין סטיל
פון דער באבען און מאמען
איז טאקע דאס אלץ
נישט געווען די סיבה,
פון דעם באנקראט
פון אונזער ליבע
די אמת'ע אורזאך,
פון אונזער גט
האב איך געפינען
אין אונזער בעט.
אבער ס'איז נישט, חלילה,
דאס, וואס איהר טראכט,
כאטש ס'האט פאסירט
אין בעט ביינאכט
הערט א מעשה,
וואס ס'האט געטראפען:
איך ליג אין בעט
און קען נישט שלאפען,
אבער מיין ווייבעל
ליגט אויף א באק,
און שלאפט ווי דערהרגעט
און כראפעט געשמאק
און פלוצלונג טוט זי
א רעד ארוים
פון שלאף די איינציגע
ווערטער בלויז
נאר באלד ווי זי האט עס
ארויסגערעדט,
האב איך אויסגערופען:
„איך וויל א גט!"
ז'האט נישט, חלילה,
גערעדט קיין שלעכטס,
זי האט בלויז געזאגט
מיט א זיסען קרעכץ:
„מיין טייערער מאריץ"
אבער איך בין נישט דער,
ווייל איך פערשטייט איהר מיך,
הייס גאר שימשע בער.

א. גאליציאנער.

## צייט=מאטיוו

רבותי, ס'איז הפקר
נישטא מעהר קיין יושר:
ס'כאפען בעגראנדע
דער קבצן און דער עושר.

קומסט צום בעל-דבר,
שטעהסט דו מיט שרעק
עס העלפט נישט דיין מאהנען
כאטש רייד איהם צום גרעק.

הקיצור ס'איז הפקר,
קיין קאטאוועס, קיין געלעכטער,
נאר איינס וואס מען כאפט נישט
איז רבותי היינט — טעכטער.

קאפריזנער.

### אויסגעשיט א זייט אנאנסען
### וואס איז ארויסגעקומען

אין דער רעדאקציע פון א געוויסער צייטונג, האט זיך ביינאכט צעשיט א זייט אנאנסען. צו מארגענס האט זיך אין דער צייטונג בעוויזען אזא אנאנס:

א יונגע פשיטטאיטע אלמנה גוט איינגעשפילט, פריש געווייסט אין אייל-פארב, צוויי באלקאנען און ארוינעם היפאטעק. קאפיטע נישט און בייסט נישט ארומגעבעט מי. פלוש מיט דריי פים 1½ מעטער די ברייט נאענט פון דער באהן-סטאציע, צוליב אפרייזע ביליג צו צוגעגליכע פרייזען!

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: דאס געפעלט מיר. כ'האב היינט געזעהען א זאך פון אונזער אורזשאנד געפעלט עס מיר.
טרייטעל: וואס אזוינס האסטו געזעהען?
פייטעל: געשיקטליכקייט טעמפא.
טרייטעל: מיט וואס?
פייטעל: אין דער פריה איז געשטארבען דער סעקוועסטראטאר און נאכמיטאג האט מיר שוין א צווייטער געמאכט א ספעשדאוש.

### פון געריכט-זאל

ריכטער (צום אנגעקלאגטען): איהר לאזט אייך אריין אין גנבית, און טראכט גארנישט וועגן אייער פאמיליע?
אנגעקלאגטער: און אז זיי גנב'ענען, טראכטען זיי עפעס וועגן מיר?

### צווישען בעווייבטע

— דו ווייסט, מיין שוויגער דארף זיין א מוסטער.
— דהיינו?
— א כעמיש מוסטער אויף דינאמיט!

---

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 177 פרייטאג, דעם 31 יולי 1936

## א ד־אזאר מיט א „ווייך הארץ"...



קאנדידאט צו דער לאדזער קהלה: איצט וועל איך דרייסט קענען זאגען:
— יודען, וועהלט א יוד מיט א „ווייך הארץ"...

